Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען

הײנט 8 זײטען.

# נײער פאלקסבלאט

אונפארטײאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צײטונג

| Nr. 297 | Łódź, Poniedziałek 23 grudnia 1929 r. | 7-טער יאהרגאנג | לאדז מאנטאג כא כסלו תר״צ | Nr 297 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# די ליסטע פון דער נײער רעגירונג

## וועט הײנט פרעמיער בארטעל פארשטעלען דעם מלוכה-פרעזידענט

וארשא, 22 (טעלעפאניש פון אונזער סײם-קארעספאנדענט) מארגען (הײנט, מאנטאג) קומט קײן ווארשא דער פרעמיער בארטעל. ער וועט תיכף אוועק צום מלוכה פרעזידענט אויפ'ן שלאס, וואו ער וועט זיך פארשטענדיגען וועגען ענטגילטיגען צוזאמענשטעל פון קאבינעט.

ווי מ'גיט איבער, האט שוין פרעמיער בארטעל א פארטיגע רשימה פון דער רעגירונג. פון די ביז-איצטיגע זאלען אוועק אין דימיסיע די מיניסטארען צאר, פריסטאר, מאראשעווסקי און בערנער; די איבריגע זאלען בלײבען. דער געוו. פרעמיער ד״ר שוויטאלסקי זאל בעשטימט ווערען אלס וויצע-פרעזעס פון דער העכסטער קאנטראל-קאמיסיע. אלס יוסטיץ-מיניסטער זאל בעשטימט ווערען דער סענאטאר מאקארעוויטש (כ.ד.), וועלכער האט בעקומען פרײע הענד פון זײן קלוב. ענדערונגען זאלען אויך פארקומען אויף אײניגע פאסטענס פון די וויצע-מיניסטארען.

פרעמיער בארטעל וועט אפהאלטען געשפרעכען מיט'ן סײם-מארשאלעק דאשינסקי און מיט אײניגע פארשטעהער פון די קלובען, קודם-כל מיטן פערטרעטער פון פ.פ.ס. ניעדזיאלקאווסקי'ן. מיט'ן סײם-מארשאלעק וועט דער פרעמיער קומען צו א הסכם וועגען די ענינים, וואס זאלען איצט בעהאנדעלט ווערען אין סײם, דהיינו: בודושעט, קאנסטיטוציע, שטײערן, דאגעגען זאלען נישט קומען אויף דער טאג ארדנונג די פראגען וועגען בודושעט איבערשרײטונגען א. ד. גל.

### פאר נײע וואהלען אין ענגלאנד

לאנדאן, 22 (ספ. טעל.) דער ארגאן פון דער לײבאר-פארטײ „דײלי העראלד" שרײבט, אז אין פאל, אז מאקדאנאלד'ס רעגירונג וועט דורכפאלען אין פארלאמענט, וועט זי זיך נישט אנגעבען אין דימיסיע, נאר וועט דעם פארלאמענט פונאנדערלאזען און בעשטימען נײע וואהלען. די צײטונג שרײבט, אז מ'דארף זיך ערנסט רעכענען מיט דער מעגליכקײט פון נײע וואהלען אין יאהר 1930 און אז די ארבײטער-פארטײ דארף זײן גרײט צו דער וואהל-קאמפאניע. אנדערע בלעטער ווײזען אן, אז נײע וואהלען קאנען פארקומען נאך פאר'ן בעטראכטען דעם בודושעט.

### צוועלף יאהר תפיסה פאר ערמארדען א שאפער

(2) מיט עטליכע חדשים צוריק האט דאס קרײז-געריכט אין פיעטריקאוו בעהאנדעלט פאלג. סענסאציאנעלען פראצעס.

א געוויסער מיעטשיסלאוו בארעצקי האט זיך אין א קאנדיטארײ בעקענט מיט דעם פרײליין סטעפאניא שווירערסקא, נאך א קורצער בעקאנטשאפט האבען די בײדע חתונה געהאט. דעם מײדעלס פאטער איז דער שידוך נישט געפעלען און ער האט זײ ארויסגעטריבען פון זײן הויז. דאס פארפאלק איז דאן געפאהרען קײן סאסנאוויץ און פון דארט קײן קראקא, וואו זײ זענען געבליבען אהן א גראשען געלד.

דא איז בארעצקי געפאלען אויף א המצאה. ער האט געדונגען א טעקסי און געהײסען דעם שאפער פאהרען אין א שטעטעל הינטער פיעטריקאוו. אין א פאר טאג ארום האט מען נעבען פיעטריקאוו געפונען א דערהרג'עטען מאנספערשוין און אביסעל ווײטער אנ'אויטא, וואס איז אינוועניג געווען בעשפריצט מיט בלוט.

די אויספארשונג האט ארויסגעוויזען, אז בארעצקי האט ערמארדעט דעם שאפער און איהם בעראבעוועט.

דאס קרײז-געריכט אין פיעטריקאוו האט בארעצקין פער'משפט אויף 12 יאהר טורמע, זײן פרוי איז בעפרײט געווארען. איצט איז דער פראצעס בעטראכט געווארען אין ווארשאווער אפעלאציע-געריכט, און דער ערשטער אורטײל איז בעשטעטיגט געווארען.

### פראטעסט-מיטינג אין ענגלאנד
#### געגען די רעליגיעזע רדיפות אין רוסלאנד

לאנדאן, 22 (ספ. טעל.) דא איז פארגעקומען א גראנדיעזער פראטעסט-מיטינג געגען די רעליגיעזע פערפאלגונגען אין רוסלאנד. מיט רעדעס זענען ארויסגעטראטען: לארד ברענטפארד, דער רב הכולל הערץ, דער פאסטאר האף און דער שווײצארישער אדוואקאט אבער, פארזיצער פון דער ליגע צו קעמפען געגען באלשעוויזם.

צוו. אנד. איז אנגענומען געווארען א רעזאלוציע, וועלכע פאדערט פון דער ענגלישער רעגירונג צו אינטערוועניר׳ען געגען די רעליגיעזע פערפאלגונגען אין רוסלאנד.

### א באנקעט לכבוד פראפ. ווײצמאן

לאנדאן, 22 (י.ט.א. טעלעגראפיש). דער אנגלא-פאלעסטינא-קלוב האט אײנגעארדענט א באנקעט לכבוד פראפ. ווײצמאן. פארזיצער פון באנקעט איז געווען דזשעמס ראטשילד.

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל אונזער ליבען חבר
**יוסף סטרוגאטש און פרוי**
צוליב'ן טויט פון זײער שוועגערין און שוועסטער
**העני פוקס**
קינסטלערישע לײטונג
און ארטיסטען קאלעקטיוו פון „ארט"

דעם דירעקטאר פון לאדזער יודישען טעאטער „ארט" דעם
ה' **יוסף סטרוגאטש און פרוי**
דריקען אויס מיטגעפיהל אין זײער טרויער צוליב דעם טויט
פון זײער שוועסטער און שוועגערין
**העני פוקס**
דער קאמיטעט
פון דער לאדזער יודישער טעאטער-געזעלשאפט

נאך לאנגע און שווערע לײדען איז געשטארבען אין עלטער פון 51 יאהר, אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד
נ״ע **ירחמיאל צימערמאן**
מיר בעטען אלע אונזערע מיטגלידער אפצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד און אנטײלצונעהמען אין דער לויה, וואס קומט פאר הײנט, מאנטאג, דעם 23. דעצ. ד.י. 1 א זײגער בײטאג פון טרויער-הויז, פאלודניאווע 11.
די פערוואלטונג פון שנײדער-צעך
3341 אין לאדז, פיעטריקאווער 20.

Dr. med. **H. KRAUSKOPF**
אקושעריע און פרוי ען-קראנקהײטען
**צעגעלניאנא 45, טעל. 113-47**
נעמט אן פון 4 ביז 7 אין אוונד.

Dr. med. **H. Lubicz**
צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32
[illegible]

**כעמיש-באקטעריאלאגישע לאבאראטאריע**
**מאגיסטער נ. שאץ**
פעטריקאווער 37, 2. שט., פראנט.
[illegible] פון קאל, אורין, לייכעץ א. אז. וו
אורין-אנאליז – 4 זל.

דעם חבר
**יוסף סטרוגאטש און פרוי**
אונדזער מיטגעפיל
**משה ציטרינאווסקי און פרוי.**

נאך קורצע און שווערע לײדען איז געשטארבען אין עלטער פון 51 יאהר אונזער חשובער און איבערגעגעבענער גבאי פון בית הכנסת זאכאדניא 42 נ״ע
**ירחמיאל ב״ר עקיבא מנחם ז״ל צימערמאן**
צו דער לויה, וואס קומט פאר הײנט, מאנטאג, כ״א כסלו תר״ץ, 1 א זײגער מיטאג פון טרויער-הויז, פאלודניאווא 11, ווערען געבעטען אלע מתפללים אבצוגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד, וועגען וואס ס'טײלען מיט אין גרויס צער
די גבאים פון דער „חברה חײטים", זאכאדניא 42

מײן טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מײן חבר און פרײנד **מרדכי טאגעליכט**, צוליב'ן טויט פון זײן
**פאטער** נ. ע.
המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
**נתן הימעל.**

